פרץ הירשביין וועט פארלייענען נייע, נאך ניט געדרוקטע דראמע פון איד. לעבן אין רוסלאנד מארגן (דינסטאג) פונקט 9 אוו. אין פרץ-זאל

וועטער: קלאר און מילד

The Only Jewish Newspaper in Western Canada Established 1910. Published DAILY

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST

THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 8.6.
זון אונטערגאנג — 5.17.

די איינציקע אידישע צייטונג אין מערב קאנאדע עטאבלירט אין 1910 דערשיינט יעדן טאג

Vol. 21, No. 23. Winnipeg, Mon. Feb. 2, 1931. Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג

מאנטאג, ט' שבט, תרצ"א.

NEW YORK PUBLIC LIBRARY FEB 9 1931 ASTOR, LENOX TILDEN FOUNDATIONS

ענגלאנד שיקט נייע קאמיסיע קיין א"י

בלוטיקער געשלעג צווישען פועלי-ציון און רעוויזיאניסטן

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

ווארשע, פעב. 2 (איטא). — א בלוטיקער געשלעג איז אויסגעבראכן צווישן די רעכטע פועלי־ציון און רעוויזיאניסטן ביי א פועלי־ציון פארזאמלונג אין הינן סקאלא טעאטער, מיט א סך פארוואונדעטע פון ביידע זייטן. די פאליציי האט זיך געמוזט אריינמישן אפצושטעלן דעם ראיאט.

די געשלעג איז אויסגעבראכן צוליב דעם וואס די פועלי ציון האבן ארגאנזירט א מאסן־פארזאמלונג וואו עס זאל דורכגעפירט ווערן "אן עפנטלאכער פראצעס" קעגן דעם רעוויזיאניזם. די רעוויזיאניסטן האבן ביי דער פארזאמלונג פארשפרייט פראקלאמאציעס וואס האבן גערופן: "ניעדער מיט די פאררעטער פון דער נאציאנאלער היים! נידער מיט די בונד שותפים"

"ריווערסייד דרייוו" וועט געשפילט ווערן פעב. 27 און 28

לעאן קאברינס דראמע "ריווערסייד דרייוו", וועלכע איז נאר וואס אויפגעפירט געווארן מיט גרויס דערפאלג אין ניו־יארקער קונסט טעאטער, וועט דא געשפילט ווערן פרייטאג און שבת, פעב. 27טן און 28טן, אין קווינס טעאטער.

די בעסטע אידישע קרעפטן פון שטאט, אנגעפירט פון ב. שעפס, וועלן זיך באטייליקן אין דער אויפפירונג.

ניין מענשן אומגעקומען פון פארגיפטונג מיט היימיש־פרעזערווירטע ארבעס

גרעטנא, נ. ב. פעב. 1. — ניין איינוואוינער פון גרעטנא זיינען געשטארבן לעצטע נאכט און היינט פון א קראנקהייט וואס די דאקטוירים באצייכענען מיט'ן נאמען "באטוליזם", א פארם פון שפייז פארגיפטונג. נאך דריי פערזאן זיינען קראנק געווארן פון דער זעלבער פארגיפטונג, און עס איז ניטא קיין האפענונג אז זיי זאלן בלייבן לעבן.

די צוועלף זיינען קראנק געווארן פרייטאג נאכדעם ווי זיי האבן באזוכט א פארטיע ביי א פארמער מיט'ן נאמען עדווארד היין, צוויי מייל פון דאנען. מען גלויבט, אז היימיש פרעזערווירטע ארבעס, אריינגעמישט אין א סאלאד, האבן פאראורזאכט די פארגיפטונג.

היינט "קולטור אוונט" פון נאצ. העבר. שול

דער צווייטער קולטור אוונט פון דער נאציאנאל־העברעאישער שול וועט פארקומען היינט (מאנטאג), 8 אוונט. די תלמידים שמואל און מוני אווערבאך און דינה בארעדיצקי און מאלקין וועלן דעבאטירן די פראגע: — "צי איז דאס אידישע פאלק געווען פייאיקער אויפצובויען ארץ־ישראל נאך יציאת מצרים צי אין אונזער דור". י. קאבאקער וועט ריידן אויף דער טעמע: — "מאדערנע דערציאונגס פרינציפן". אלע זיינען איינגעלאדן.

אויסשטעלונג פון שלום עליכם ארכיוו אין ניו-יארק

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

ניו־יארק, פעב. 2 (איטא). — די אויסשטעלונג פונ'ם שלום־עליכם ארכיוו האט זיך דא לעצטן אוונט געעפנט ביי דער אידישער קולטור געזעלשאפט.

די עפענונג איז געפייערט געווארן אין דער אנוועזנהייט פון שלום־עליכם'ס פרוי און קינדער, פארשטייער פון דער אידישער פרעסע, ליטעראטור־ געזעלשאפטן און א. וו.

—(::)—

היינט סירקין ברענטש חמשה־עשר פייערונג

סירקין ברענטש 220 א. נ. א. פ. בעט אונז צו אנאנסירן, אז ער פייערט היינט חמשה־עשר בשבט אין פאלקס שול. דר. שאפירא וועט דערציילן פון דער פייערונג פון דעם יום־טוב אין ארץ־ישראל.

—(::)—

י. קירזנער פארט אפ קיין טאראנטא

י. קירזשנער, ארגאניזאטאר פון דער אינטערנעשאנאל קלאוק מאכער יוניאן, פארט אפ מארגן אוונט קיין טאראנטא צו דער זיצונג פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע פון דער יוניאן. ער וועט דארטען אפגעבן א באריכט וועגן דער לאגע אין וויניפעג און פלענער פאר דער ווייטערדיקער ארגאניזאציאנס ארבעט דא אויף דעם געביט.

—(::)—

בריוו-קאסטן

יחזקאל באקאווסקע. — מיר האבן געפרובירט מאכן זייער קלאר די זאך: אזעלכע בריוו, ווי זיי זאלן ניט זיין גוט געמיינט און געשריבן, פארשארפן די מחלוקת, ארויסרופנדיק עקשנות און פארביטערונג. איר ווילט דאך דאס זיכער אליין ניט.

—(::)—

מזל טוב

א זון געבארן צו מר. און מרס. אייזיק טעפער, 106 ענדריוס סטריט. מוטער און קינד אין גוטן צושטאנד אין סט. באניפיים האספיטאל.

—(::)—

פארזאמלונג פון אימיגראנטן-הילף זאמלער דאנערשטאג

א פארזאמלונג פון די קאלעקטארס פארן אימיגראנטן־הילף קאמפיין וועט אפגעהאלטן ווערן אין אפיס פון "דאס אידישע ווארט", דעם דאנערשטאג, פעב. 5טן, 8.30 אוונט. אלע וואס קאנען מיטהעלפן זיינען דרינגענד געבעטן צו קומען.

—(::)—

סאוועט באנק דירעקטאר זאגט זיך אפ צוריקצופארן קיין רוסלאנד; וויל זיך באזעצן אין א"י

לאנדאן, פעב. 2 (איטא). — נח בארו, דער דירעקטאר פון דער מאסקווער סאוועטישער באנק אין לאנדאן און איינער פון די ווירקטיקסטע סאוועטישע באאמטע אין ענגלאנד, האט זיך אפגעזאגט צוריקצופארן קיין סאוועט רוסלאנד, ווען ער איז דערצו אויפגעפאדערט געווארן פון דער מאסקווער רעגירונג. בארו, וועלכער איז איינער פון די ווירקטיקסטע פירער פון די לינקע פועלי־ציון, פלאנט איצט זיך צו באזעצן אין פאלעסטינע, וואו ער איז איינגעלאדן געווארן אנצופירן מיט א ווירטיקן עקאנאמישן פלאן.

בארו ווערט פארעכנט פאר איינעם פון די ווירקטיקסטע סאוועטישע האנדלס פארטרעטער אין אויסלאנד. ער איז מיט אייניקע יאר צוריק געווען אין אמעריקע, וואו עס איז אים געלונגען דורכצופירן הלוואות פאר דער סאוועט רעגירונג ביי דער "טשייס נעשאנאל באנק". צוליב זיינע גרויסע פעאיקייטן, איז ער פארבליבן אין סאוועטישן דינסט, טראצדעם וואס ער איז נאך איצט געבליבן אין די רייען פון די לינקע פועלי־ציון, וועלכע זיינען איצט ניט־לעגאל אין סאוועט רוסלאנד.

מיטגלידער פון ציון פאליט. קאמיסיע גערופן קיין לאנדאן

לאנדאן, פעב. 2 (איטא). — אלע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער פאליטישער קאמיסיע זיינען איצט צוריקגערופן געווארן קיין לאנדאן, כדי צו זיין גרייט ווידער־אויפצונעמען די פארהאנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג בנוגע איר פאליסי אין פאלעסטינע. די דאזיקע פארהאנדלונגען, וועלכע זיינען מיט אייניקע וואכן צוריק איבערגעריסן געווארן, וועלן זיך צוריק אנפאנגען היינטיקע וואך.

איז מיטגליד פון נייער קאמיסיע געשיקט קיין ארץ ישראל

סער הערבערט סעמועל

מערב קאנאדע פאראייניקט זיך מיט לופט-פאסט מיט'ן מזרח

מערב קאנאדע האט זיך היינט פאראייניקט מיט א לופט־פאסט פארקער מיט מזרח קאנאדע און מיט די פאראייניקטע שטאטן, מיט'ן ערשטן פאסט עראפלאן וואס איז היינט, 9.15 פרי אפגעפלויגן קיין סט פאול, מינ.

דורך וויניפעג פאראייניקט זיך אזוי די מערב קאנאדער לופט־פאסט ליניע מיט די פאראייניקטע שטאטן, און דורך סט. פאול, שיקאגא און דעטראיט — מיט טאראנטא, מאנטרעאל און א. וו.

דער פאסט פארקער צווישן טאראנטא און מאנטרעאל פון איין זייט, און קאלגארי, פון דער צווייטער זייט, וועט איצט פארקירצט ווערן אויף וואסערע צוויי מעת לעת.

—(::)—

שלום אש'ס זון מאכט וויכטיקע דערפינדונג וועגן לאנדווירטשאפטלאכע מעטאדן

פאריז, פעב. 2 (איטא). — א פראמינענטער מיטגליד פון דער אידישער אגענטור אין פאריז, האט דערהאלטן א באריכט פון פאלעסטינע, לויט וועלכן שלום אש'ס זון, וועלכער וואוינט אין פאלעסטינע, האט געמאכט א וויכטיקע דערפינדונג כדי צו פארבעסערן די פארם־מעטאדן אין פאלעסטינע. עס ווערט דא באריכטעט, אז די אידישע אגענטור האט זיך שטארק פאראינטערעסירט מיט דער דערפינדונג פון שלום אש'ס זון, וועלכער איז אליין אן אגראנאמיסט.

קאמיסיע אונטער פירערשאפט פון א'דאנעל, וועט אפשר איבערטרייסלען אדמיניסטראציע

קאמיסיע דארף, צווישן אנדערש, אונטערזוכן די פראגע פון ענדערונגען אין דער אדמיניסטראציע — קאמיסיע טרעט גלייך צו צו דער ארבעט

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

לאנדאן, פעב. 2 (איטא). — א וויכטיקע דערקלערונג, וואס קאן מיינען אז ענדערונגען וועלן געמאכט ווערן אין דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע, איז דא נעכטן ארויסגעגעבן געווארן פונ'ם קאלאניאל אפיס, אין פארבינדונג מיט דער באשטימונג פון דער נייער קאמיסיע קיין ארץ־ישראל, אונטער דער פירערשאפט פון א'דאנעל.

די דערקלערונג לויטעט, אז א קאמיסיע, וועלכע וועט באשטיין פון סער הערבערט סעמועל, א'דאנעל און בריטען איז באשטימט געווארן פון לארד פעספילד צו פארן גלייך קיין ארץ־ישראל, מיט די פאלגנדיקע אויפגאבן:

1. אונטערצוזוכן די הכנסות און הוצאות פון דער פאלעסטינער רעגירונג און די אלגעמיינע ארגאניזאציע פון דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע.

2. אונטערצוזוכן די מיטלען צו מאכן דעם אדמיניסטראטיוון פערסאנאל טיכטיק און עקאנאמיש.

3. אויסצופארשן די פארשלאגן פאר נייע אדמיניסטראטיווע אפטיילונגען און נייע פערסאנאל, אין פארבינדונג מיט די ביז איצט דורכגעפירטע אויספארשונגען, אדער אנדערע פארשלאגן אין פארבינדונג מיט דעם ענין.

4. אויסצופארשן די לאגע מיט'ן צוועק אויסצומיידן אדער באזייטיקן וועלכע עס איז נויטווענדיקייט פון שטיצע מצד דער בריטישער רעגירונג פאר'ן אויפהאלט פון פאלעסטינער ציווילער רעגירונג.

5. אויספארשן פונ'ם שטאנדפונקט פון טיכטיקייט און עקאנאמיע די נויטווענדיקייט צו שטיצן מיט געלט־מיטלען די אדמיניסטראציע פון עבר־הירדן.

לויט דער דערקלערונג פונ'ם קאלאניאלן אפיס דארף די קאמיסיע אנפאנגען איר אויספארשונג גלייך.

אין פארבינדונג מיט דער דערקלערונג וועגן א'דאנעלס קאמיסיע, האט דער קאלאניאלער אפיס דערציילט פאר דער איטא, אז, ווי עס ווערט פארשטאנען, וועלן די אויספארשונגען פון דער דאזיקער קאמיסיע ניט פאראורטיילן אויף וועלכן עס איז אופן די באציאונגען פון דער רעגירונג צו די אנטוויקלונגס פלענער אין פאלעסטינע.

גנבים און באנדיטן ווידער טעטיק דא די לעצטע טעג

גנבים און באנדיטן זיינען דא ווידער געווען טעטיק פאר די לעצטע פאר טעג.

גנבים האבן זיך אריינגעריסן דורך אן אויסגעבראכענער פענסטער אין דער סי. פי. עו. סטאנציע אין סט. באניפיים און האבן מיט ניטרא־גליצערין אויפגעריסן די פייער־קאסע. זיי האבן אבער קאנטיק ניט געקאנט איינברעכן די אינוועניקסטע טיר פון דער קאסע, און זיי זיינען אוועק מיט ליידיקע הענט.

בעריהילס דראג סטאר, סארדזשענט און ליפטאן סטריט, איז באפאלן געווארן פון דריי באנדיטן מיט א רעוואלווער זונטאג, 9.40 אוונט, ווען דער קלערק איז געווען אליין אין סטאר. זיי האבן צוגענומען $50 פון קאסע און זיינען אנטלאפן.

שלעכט אפגעשניטן האט א יונגער באנדיט, וועלכער האט געמאכט א פרואוו צו בארויבן דאנסמארס קאנפעקשאנערי, 908 סט. מעטיוס עוו., 11 אזייגער שבת ביינאכט. אין ענטפער אויף זיין באפעל אויפצוהויבן די הענט, האט דער אייגנטימער, מר. דאנסמאר, אים דערלאנגט אזא קלאפ מיט'ן פויסט איבער'ן פנים, אז ער איז אומגעפאלן. מיט דער שנעלקייט פון א בליץ איז ער אבער אויפגעשפרונגען און — איז אנטלאפן.

—(::)—

בערל שווארץ דערוויילט צום מאנטרעאלער שטאט-ראט

מאנטרעאל, פעב. 2 (איטא). — בערל שווארץ, באוואוסטער שיף־אגענט און אקטיווער טוער אין ליבעראלע און פאליטישע קרייזן, איז דערוויילט געווארן אלדערמאן פונ'ם סט. לאורענס דיסטריקט אין מאנטרעאל. מר. שווארץ איז דערוויילט געווארן אויפ'ן ארט פונ'ם פריערדיקן אידישן ראטמאן, לואיס רובינשטיין, וועלכער איז לעצטנס געשטארבן.

מיטגלידערשאפט קאמפיין פון אימיגראנטן-הילף פאראיין געעפנט מיט מאסן-פארזאמלונג לעצטן אוונט

א דערפאלגרייכע מאסן־פארזאמלונג, פארופן פון דעם אידישן אימיגראנטן הילף פאראיין, איז נעכטן אוונט אפגעהאלטן געווארן אין גרויסן תלמוד תורה זאל, אונטער דער פארזיצערשאפט פון ס. ה. גרין, פרעזידענט פון דעם פאראיין.

מר. גרין האט אין זיין רעדע דערקלערט, אז דער צוועק פון דער פארזאמלונג איז צו פרואוון צו באאיינפלוסן די וויניפעגער אידן, אז זיי זאלן זיך אנשליסן אלס מיטגלידער אינ'ם פאראיין און ווערעס נאמען די פארשטייער פונ'ם פאראיין זאלן זיך קאנען ווענדן צו דער קאנאדער רעגירונג אז זי זאל מאכן געוויסע פארלייכטערונגען פאר אידישע אימיגראנטן אריינצוקומען אין לאנד. אזא קאמפיין פירט איצט אן דער אידישער אימיגראנטן הילפס פאראיין צווישן דער אידישער באפעלקערונג איבער גאנץ קאנאדע.

דער יערלאכער מיטגלידערשאפט אפצאל איז בלויז דריי דאלאר א יאר, און עס איז זייער וויכטיק די פינאנציעלע און מאראלישע שטיצע פון א גרויסער מיטגלידערשאפט.

אלדערמאן מ. א. גרעי האט אפגעגעבן א באריכט פון דער ארבעט פון וויניפעגער אפטיילונג פאר'ן לעצטן יאר.

מר. קאפלאן פון מאנטרעאל, האט גערעדט וועגן דעם אויפטו פון אידישע אימיגראנטן אויף דעם קאנטינענט. "דער אידישער וואנדערער", האט ער געזאגט — "האט אויפגעטאן א צווייפאכע רעטונג. ער האט געהאלפן זיך אליין, און אין דער זעלבער צייט האט ער געהאלפן זיינע קרובים אין דער אלטער היים.

"אידן זיינען איצט א שטארקער פאליטישער כח אין אמעריקע, מיט וועלכן די וועלט מוז זיך רעכענען. מיט פאראייניקטע כחות קאנען מיר פאדערן געוויסע פארלייכטערונגען פאר אידישער אימיגראציע אין קאנאדע".

מר. קאפלאן האט אפעלירט צו די וויניפעגער אידן זיי זאלן ווערן מיטגלידער אינם א. א. ה. פ. וועלכער נויטיקט זיך אין זייער פינאנציעלער און מאראלישער שטיצע.

ראבי פרענק האט אין זיין רעדע אויך אפעלירט צו די אידן זיי זאלן זיך אנשליסן אלס מיטגלידער אינ'ם פאראיין.

צום שלוס האט גערעדט ב. שעפס, פארזיצער פון קאמפיין קאמיטעט, און ער האט געבעטן די פארזאמלטע ווי אויך אלע אידן פון וויניפעג זיי זאלן אים מיטהעלפען אנצופירן דעם קאמפיין און אנשליסן זיך אינ'ם פאראיין.

אימיגראציע וועט דערווייל בלייבן באשריינקט, זאגט מיניסטער

אטאווא, פעב. 1. — די אימיגראציע קיין קאנאדע וועט פארבלייבן אזוי באשריינקט ווי איצט ביז די עקאנאמישע לאגע אין לאנד וועט זיך שטארק פארבעסערן, — ווי ס'איז צו זעען פון א דערקלערונג פון וו. א. גארדאן, מיניסטער פון אימיגראציע און קאלאניזאציע.

סער הענרי טארנטאן, פרעזידענט פון דער סי. ען. אר. און ע. וו. ביטי, פרעזידענט פון דער סי. פי. אר. האבן באזוכט דעם מיניסטער צו מאכן קלאר וואס זיי האבן צו טאן בנוגע איינוואנדערונג פאר דעם קומענדיקן פרילינג און זומער. סענאטאר ראבערטסאן, ארבעטס מיניסטער, און די פארזיצער פון די קאלאניזאציע דעפארטמענטן פון ביידע אייזנבאנען, זיינען געווען אנוועזנד.

עס זעט אויס פון דעם מיניסטערס דערקלערונג אז בלויז קאלאניסטן מיט מיטלען וועלן אריינגעלאזן ווערן אין לאנד קומענדיקן זומער. די אימיגראנטן וועלן זייער שטרענג באוואכט ווערן זיי זאלן ניט קומען אויף פאלשע פרעטענזיעס ווי פארמערס, און דערנאך באזעצן זיך אין די שטעט.

לויט מר. גארדאנס דערקלערונג, וועט די רעגירונג ווייטער אנהאלטן איר פאליטיק פון אימיגראציע באשריינקונג, אמווייניקסטנס ביז די וואס וואוינען שוין אין קאנאדע וועלן פארזיכערט ווערן מיט באשעפטיקונג".

אינדישער קאנגרעס באשליסט פארצוזעצן אומגעהארכזאמקייט קאמפיין ביז פאדערונגען וועלן דערפילט ווערן

אלאהאבאד, אינדיע, פעב. 2.— האפענונגען אויף א באלדיקן פרידן אין אינדיע זיינען פארשוואונדן געווארן, נאכדעם ווי דער אויספיר־קאמיטעט פון אל־אינדישן קאנגרעס האט אנגענומען גאנדים פלאן פארצוזעצן ווייטער דעם אומגעהארכזאמקייט קאמפיין.

דער קאמיטעט האט אויך באשלאסן צו פאדערן די באלדיקע באפרייאונג פון אלע פאליטישע געפאנגענע; פארצוזעצן דאס פיקעטן פון מאנופאקטור, דראג און ליקאר געשעפטן; פאדערן דאס רעכט פון די פויערים צו מאכן זייערע אייגענע זאלץ און די צוריקציאונג פון די באשריינקונגען קעגן די נאציאנאליסטישע אקטיוויטעטן.

אזוי לאנג ווי די דאזיקע פאדערונגען ווערן ניט אנגענומען, איז עס באשלאסן געווארן, וועט דער קאנגרעס ניט באטייליקן זיך אין דער צווייטער "ראונדער טיש" קאנפערענץ, וואס האט געזאלט פארקומען איצט אין אינדיע. מען גלויבט, אז גאנדי און זיינע פארבינדעטע וועלן אפילו דערווייל גארנישט ניט האבן צו טאן מיט די דעלעגאטן פון דער לאנדאנער קאנפערענץ, וואס קערן זיך איצט אום פון לאנדאן.

עס איז אזוי גוט ווי זיכער, אז פרעמיער מאקדאנאלד וועט ניט איינגיין אויף די פאדערונגען, און דאס מיינט, אז די אומרואיקע לאגע אין לאנד, פארבונדן מיט'ן בויקאט, וועט ווייטער אנהאלטן.

די איינציקע מעגלאכקייט פאר דער בריטישער רעגירונג ארויסצוגיין פון דער שווערער לאגע ליגט אין דעם, וואס זי וועט קאנטיק ווייטער פארזעצן אירע פארהאנדלונגען מיט די מעסיקערע עלעמענטן אין אינדיע. האפענונגען ווערן אויך געלייגט אויף דעם צוזאמענקום פון די וואך פון דער פעדעראציע פון אינדישע האנדלס קאמערן. די דאזיקע קאנפערענץ פון די גרויסע געשעפטס אינטערעסן וועט אפשר באוועגן גאנדי'ן צו דערקלערן א וואפנשטילשטאנד כדי דער האום־רול פארשלאג פון דער בריטישער רעגירונג זאל פארהאנדלט ווערן אין א רואיקער אטמאספערע.

צוויי געטויט אין עראפלאן קאטאסטראפע אין לעטברידזש, אלטא.

לעטברידזש, אלטא., פעב. 2.— אייווען טאמפסאן, 19 יאר, פילאט, און דאנאלד מעקענזי, 18 יאר, פאסאזשיר, זיינען דא געטויט געווארן, ווען דער לייכטער מאט עראפלאן אויף וועלכן זיי זיינען געפלויגן איז אראפגעפאלן און צעשמעטערט געווארן ארום דריי טויזנט מענשן, וואס האבן בייגעוואוינט א בייסבאל שפיל, זיינען געווען עדות פון דער קאטאסטראפע.

טאמפסאן, דער פילאט, האט לעצטנס געקראגן זיין אטעסטאט פאר קאמערציעלער לופט־פליעריי, און ער האט ארויסגענומען זיין פריינט אויף א קורצן שפאציר ווען דער אומגליק האט פאסירט. ער האט זיך לייכט אויפגעהויבן אין דער לופט, אבער אויף דער הויך פון 300 ביז 500 פוס האט עפעס פאסירט און דער עראפלאן איז אראפגעפאלן מיט'ן עק צו דער ערד און איז צעשמעטערט געווארן.

דער עולם וואס האט געזעען די קאטאסטראפע האט זיך א לאז געטאן צום אומגליקס פלאץ און די שפיל האט געמוזט אויפגעגעבן ווערן.

איינער פארברענט אין קאמף צווישן הינדוסן און מוסולמאנער, צוליב דעם וואס א מוסולמאנער לערער האט געגעסן פלייש

ראוואלפינדי, פאנדזשאב, אינדיע, פעב. 2.— איין סיכישער אפיצער איז דא פארברענט געווארן לעבעדיקערהייט אין א א קאמף צווישן מוסולמאנער און הינדוסן, וואס איז אויסגעבראכן צוליב דעם וואס א מוסולמאנער לערער האט געגעסן פלייש.

אין א דארף, 40 מייל פון דאנען, האט א מוסולמאנישער לערער, וואס וואוינט אין א "באורדינג הויז", אפגעקאכט זיך א מאלצייט פון רינדערנע פלייש. הינדוסן און סיכן, פאר וועלכע די קו איז א הייליקטום, האבן פראטעסטירט. דער לערער איז דאן אוועק אין די דערבייאיקע מוסולמאנישע דערפער און האט געבעטן הילף.

די אויפגערעגטע מוסולמאנער האבן זיך א לאז געטאן אויף די הינדוסן, האבן צעפלינדערט דעם הינדואישן טעמפל אריינווארפנדיק אהין שטיקער רינדערנע פלייש. די סיכן האבן דאן אויפגעהויבן א בלוטיקן קאמף קעגן די מוסולמאנער, און די לעצטע האבן געכאפט א סיכישן אפיצער און אים פארברענט לעבעדיקערהייט. ערשט ווען מען האט געבראכט א גרעסערע מיליטערישע אפטיילונג פון ראוואלפינדי איז געלונגען אפצושטעלן דעם קאמף.

אגב - אורחא

פון מארק

וועגן דער תלמוד־תורה

אן עצה געבן, זאגט מען ביי אידן, קאסט קיין געלט ניט. נו, און אן עצה אויסהערן קאסט דאך אוודאי גארנישט.

איך וועל זיך דעפאר דערלויבן געבן עצות. אנאנדערשמאל קאן א ניט־געבעטענע עצה אויך צוניץ קומען. און ווידער טאקע, טאמער ניט, וועל איך אויף קיינעם קיין פאראיבל ניט האבן, אויב מען וועט מיינע עצות ניט נעמען אין אנבאטראכט. אדרבא, "ביטע שיין". אויב ס'געפעלט אייך ניט, טא איגנארירט עס און פארגעסט זיך אז איר האט עס געלייענט.

איך רייד דא אינגאנצן ניט וועגן דעם פראגראם פון תלמוד־תורה און איר אינהאלט. איצט איז דאך די הויפט פראגע — די סאמע עקזיסטענץ. ס'איז א פינאנציעלע פראגע. און אויפ'ן סמך פון מיינע באשיידענע דערפארונגען מיט קהלשע אינסטיטוציעס און געזעלשאפטלעכער ארבעט, וועל איך פרובירן ארויסזאגן מיין מיינונג וועגן דעם קריזיס אין תלמוד־תורה און דער מעגלאכקייט אים צו ליקווידירן און אויסמיידן זיין איבער'חזר'ן אין דער צוקונפט.

נאטירלאך, קאן איך דא ניט ריידן אין דער שפראך פון גענויע ציפערן, — דאס קאן קיינער ניט טאן, וואו ער מאכט ניט א גענויע אויספארשונג פון דער לאגע און די אויסזיכטן אויף שפעטער.

איך באזיר זיך בלויז אויף די פארעפנטלאכטע ציפערן און אויף אפשאצונגען פון די מעגלאכקייטן.

עס וועט זיך אפשר אויסקומען באריר[illegible] געפילן און סענטימענטן, ווען איך וועל [illegible] אפדעקן געוויסע פעלערן, — אבער [illegible] קאן מען ניט העלפן: א קראנקער [illegible] אפט אויסגעטאן ווערן פאר'ן דאקטאר, [illegible] זאל אים קאנען באטראכטן און היילן. און דא איז דער דאקטאר דער ברייטער עולם, און עס וואלט געווען אן עולה [illegible] דער תלמוד־תורה צו באהאלטן פון [illegible] דאס וואס זעט אויס צו זיין שוואכ[illegible] פונקטן.

**

איך וועל מוזן דורכפירן א פארגלייך צווישן דער תלמוד תורה און דער פרי[illegible] שול:

ביידע האבן אן ערך די זעלבע [illegible] קינדער, — אפשר מיט א קליינעם איבער[illegible] וואג לטובת דער תלמוד־תורה. אדער [illegible]

די פרי־שול באלאנסירט כמעט [illegible] יאר איר לויפנדיקן בודזשעט (אויסער [illegible] צאלונגען אויף דער געביידע, אויף [illegible] זי האט א באזונדער חשבון). איר [illegible] הכנסה איז שכר־למוד, — א דורכ[illegible] פון וואסערע $1,100 א חודש [illegible] חדשים פונ'ם לערן יאר. דערנאך [illegible] אריין וואסערע 3,500 ביז $4,000 [illegible] א יאר פונ'ם בודזשעט קאמפיין. [illegible] געוויסע סומע פאלט אריין פון דיווידענ[illegible] קיין אנדערע אונטערנעמונגען [illegible] ניט דורך.

די תלמוד־תורה, וואס שטיצט זיך [illegible] א סך א רייכערן און ברייטערן עלעמענט פון דער באפעלקערונג, איז א סך [illegible] אין הוצאות, כאטש אירע לערער [illegible] אין דורכשניט קלענערע געהאלטן, [illegible] פרי־שול לערער. דערפאר איז זי אבער [illegible] סך ארימער אין הכנסות: פון שכר־למוד לויט איר באריכט, קריגט זי אריין [illegible] ארום 600 דאלאר א חודש, און נאך [illegible] באזארן, קאמפיינס און קאמפיין[illegible] פארבלייבט זי נאך אלץ מיט א רייע[illegible] נים נערעכטן דעפיציט פון זעקס [illegible] דאלאר א יאר.

**

וועל איך צורי'שט באריר[illegible] די פראגע פון הכנסה.

מיין איינדרוק איז, אז די תלמוד־תורה אליין איז אין א גרויסער מאס פאראנטווארטלעך און פארלאגט פאר דעם, וואס איר הכנסה פון שכר־למוד איז אזוי קליין.

די פרי־שול, ווי געזאגט, שטיצט זיך אויף אן ארימערן עלעמענט, און זי נעמט אויך קינדער אן שכר־למוד, — זי שיקט קיינמאל ניט ארויס קיין קינדער, דערפאר וואס די עלטערן קאנען ניט צאלן קיין שכר־למוד.

אבער די צאל פון אזעלכע אינגאנצן פרייע פון שכר־למוד קינדער טרעפט זיך איבער אפילו אין אזא שווערן יאר די צאל פון ארום 80־90, ארום 15 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאל.

די איבעריקע צאלן. אנדערע צאלן מיט נימאלסטע פרייזן, אבער זיי מוזן צאלן, סיידן די פארוואלטונג איבערצייגט זיך (ס'איז דא א ספעציעלער שכר־למוד קאמיטעט) אז די עלטערן קאנען אפילו די קלענסטן מינימום ניט צאלן.

אין תלמוד־תורה ווערן האלב פון די קינדער געלערנט אינגאנצן פריי, און די איבעריקע צאלן די מייסטע ניט גענוג, אפילו פאר זייער אייגענעם אויסהאלט.

מיין איינדרוק איז, אז דאס איז דער פאר, ווייל די פרי־שול די האט צוגעוויינט די עלטערן צום געדאנק, אז ניט זיי טוען א טובה דער שול, נאר די שול טוט זיי א טובה לערנענדיק זייערע קינדער. און זיי ווייסן, אז זיי מוזן צאלן דער שול, פונקט ווי זיי צאלן דער פיאנא־לערערין, — אנדערש קאן די שול זייער גוט באגיין זיך אן זיי.

**

די תלמוד־תורה אבער, אין איר גרויסער נייגעריקייט אנצוהאלטן איר פאזיציע ווי די אנפירנדיקע דערציאונגס אינסטיטוציע, און אין פנים פון קאנקורענץ מצד די געזעלשאפטלעכע און פריוואטע שולן, זוכט אנצופילן אירע גרויסע און צאלרייכע קלאס־צימערן אין ביידע אפטיילונגען אום יעדן פרייז.

און די תלמוד־תורה עלטערן קריגן דעם איינדרוק, אז די תלמוד־תורה דארף זיי האבן זייער נויטיק, און דערווארטן שיר ניט אז מען זאל זיי צוצאלן. און אויב צאלן, און נאך א געהעריקן פרייז, "קאנען זיי דאך שיקן די קינדער ערגעץ אנדערש".

די ת"ת, גלויב איך, קאן פארדאפלען [illegible]

(שלוס אויף לעצטער זייט)

FRIDAY JAN. 30, 1931.

Classified Sect

אספיצירטער אפטיילונג
$2.15
$4.00
$7.50

יזענלאכעס ::
PERSONAL

PROF. SCOTT

R.B.ORMIST
פלאריסט
96 Osborne St., Phone
340 Portage Ave., Phon

P. A. TEMPLETO
807 Electric Railway Ch
Phone 89 686

טייפרייטערס
T. A. WEIR
Ph 28 800 247 Notre Dame

LIGHTFOOT'S TALL
Phone 86 067 Even

KILSHAW'S
Auctioneers
Canada Bldg. Ph

We Pay Highest
708 MAIN ST. — PHON

Business Opportu
$28.000 $6.800
$62.000

SCOTT REALTY C
11 C.P.R. Office Bldg.

N. BRICKER
Gen. Delivery, Nipawin

$550 192½

פאררענטן ::
FOR RENT
285 56 046
241
55 462
435 29 07
53 831

סער פארלאנגט
HELP WANT
4085

SHAMAS MFG. COMP
New Toronto, On

CHARLES RIESS &
376 Colony St. Pho